בס"ד

# אבותינו בולעטין

א קורצע איבערזיכט פון די וועכנטליכע
אקטיוויטעטן פון "אבותינו"

פרשת וישלה תשפ"ו
גליון 762
12/04/2025

## ברכת מזל טוב

להידידים היקרים נכבדים וחשובים אנשי שם:

מזל טוב ידיד נאמן רבות בשנים הרבני הנכבד מוה"ר **אהרן מרדכי הערצאג** שליט"א

הרב בנש"ק **יחיאל מיכל באש** שליט"א
מראשי הועד ביה"ח **נאדפאלא- שימלוי- נעשכיז**

הגה"צ **אבד"ק רענדיק** שליט"א –
**מרבני ביה"ח מארגארעטן, ביסטריץ**

הגה"צ **הרב ישעי' רובין** שליט"א - אבדק"ק קערעסטיר

הרבני הנכבד **הרב אהרן הערש פריינד** שליט"א
מראשי הועד ביה"ח **קראלי**

הרב בנש"ק **שלום יושע וואלטער** שליט"א
**אראד- דוביענקא- נאדודוואר- נירעדהאז**

הרבני הנכבד מוה"ר **חיים הכהן** שליט"א
ובנו הרבני הנכבד מוה"ר **אברהם הערמאן** שליט"א
מראשי הוועד ביה"ח **בולטשקא**

הרה"ג ר' **אשר יואל פאללאק** שליט"א
מראשי הועד ביה"ח **גרויסווארדיין**

הרבני הנכבד מוה"ר **יעקב יערמיאש** שליט"א
מראשי הועד ביה"ח **נ. אדאני**

הרבני הנכבד מוה"ר **ישראל מאיר לעבאוויטש** שליט"א
יו"ר ביה"ח **האללאס - ט. סט. מארטאן**

-- ויזכו כולם לראות רב נחת דקדושה מכל יוצ"ח --

## זארנאוויצא, פוילן

**הערליכע אסיפה צו ראטעווען די ביה"ח, מקום מנוח"ק פון הרה"ק רבי ראוב'לי מזארנאוויצא זי"ע**
**בעמ"ח ספה"ק דודאים בשדה, מגדולי תלמידי הרה"ק הרבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע**




בילד פון
פארלאזטע מצב

א התרגשות'דיגע אסיפה איז פארגעקימען אין שטוב פון הרה"ג בנש"ק **ר' בן ציון דוב הלברשטאם שליט"א**, חתן הרה"צ הישיש ר' **ליבל סטעמפל שליט"א** מלאנדאן נכד הרה"ק הדודאים בשדה זי"ע, מיט די באטייליגונג פון די חשובי צאצאי יוצאי העיר הי"ו, נכדי הרה"ק זי"ע, און חסידים ואנשי מעשה העוסקים ודבוקים בספרו הקדוש. אינאיינעם מיט די ארגאניזאציע "אבותינו".

עס האט אויפגעטרעטן דער יו"ר און בריח התיכון הרה"ח **ר' משה דוב לענצקי שליט"א**, דערמאנענדיג די שרעקליכע פארלאזטקייט פונעם מקום קדוש, און אז באלדיגע פעולות דארפ'ן אונטערגענומען ווערן. דערנאך האט אויפגעטרעטן דער חשובער נואם הכבוד הרה"ג בנש"ק **ר' אפרים גרשון באראן שליט"א** פארציילנ'דיג עובדות און השגחה פרטית איבער אנטדעקטע כתבי ידות וואס גדולי דורו האבן געזאגט אויף בעל דודאים בשדה זי"ע.

צום לעצט האבן די איבערגעגעבענע עסקני אבותינו מסביר געווען די סדר הדברים, ארויסברענגענדיג די געוואלדיגע זכיה לעשות נייחא לנפש הצדיק און דערמיט צו קריגן אזא גרויסן מליץ יושר, ובפרט פאר די חשוב'ע אייניקלעך שליט"א, דערפאר איז גאר נויטיג מנדב צו זיין סכומים גדולים למעלה מהיכולת, ווייל אויב די געלט וועט נישט זיין קיין אפהאלט, וועט מען זיך בעזהשי"ת גלייך נעמען צו די עבודת הקודש.

דער ציבור הנאספים האבן זיך בס"ד אנגערופן מיט גאר באדייטענע סכומים, צו קענען אנהייבן מיט דער מלאכת השיפוץ און אנצוהייבן צו אראנזשירען אלע נויטיגע פאפירן און מאפעס, פערמיטס אא"וו. און די קומענדיגע וואכן וועלן אי"ה פארקומען נאך אסיפות פון נכדי הדודאים בשדה זי"ע כדי אנצוקומען צו דער פולער סכום וואס פעלט אויס צו קענען ענדיגן דער הייליגע פראיעקט.

## בעיל – ק. דאברא

### אויפבוי פון צווייטע פאזע בסייעתא דשמיא

צו די גרויס התרגשות איבער פארשריט פון די אויפבוי פונעם נייעם גדר, איז ידידינו היקר והנכבד איש חיל מוה"ר יואל בהרה"ג ר' יודא צבי געלב שליט"א, אריינגעשפרונגען ממשיך צו זיין מיט בניית הגדר אויף א גרויסן טייל פון שטח הביה"ח. פארשטענדליך אז די גרויסארטיגע אונטערנעמונג נעמט אריין גרויסע כוחות און הוצאות גדולות, די יו"ר הועד בעטן בכל לשון של בקשה אנא תרימו בעין יפה כראוי והגון לתפארת אבותינו זכרונם לברכה וזכותם בודאי יגן להוושע בכל טוב

## פ. לאדאני, אונגארן

המשך עבודת הקודש פון די נייע געגאסענע יסודות אויף די אלטע ארגינעלע יסודות, און ווי מ'שטעלט אויף די לערך 40 מצבות ארום דעם אוהל.




בילד פון ניי געגאסענע
פאנדעישאן אויף אלטע יסודות

בילד פון חלק פון 40
איבערגעמאכטע מציבות




### די איבריגע 250 מצבות זענען שרעקליך פארלאזט און זייער נישט בכבוד'יג

מכאן הקריאה יוצא לשאר חשובי בני העיר, אנא שאו ידיכם קודש והבו גודל למקדשי השם, יעצט ווען נכדי הגאוה"ק בעל יד יוסף טוהן אנווענדן גרויסע כוחות מתקן זיין מקום ציון הקודש און מחזיר זיין עטרה ליושנה איז איצט א פאסיגע זמן צו ממשיך זיין מיט'ן פארעכטן אלע מצבות בכבוד הראוי.

צו אנטייל נעמען אין די עבוה"ק ביטע פארבינד אייך מיט יו"ר הועד הרב דוד פנחס מענדלאוויטש אדער רופט אין אפיס פון אבותינו אויף עקס. 303



חלק פון די איבעריגע 250 מצבות
ליידער אין שרעקליכע צושטאנד



**יארצייט**

מדור מיוחד בעד אלו גאו"ק זי"ע אשר היארצייט חל בשבוע זו ומנו"כ בהביה"ח שנבנו / בונים ע"י : י"ד כסלו: רבי שמואל זלמן ב"ר יהושע אהרן צבי וויינבערגער זצ"ל אב"ד **מארגארעטן** | ט"ו כסלו: רבי ברך ב"ר אהרן עקפעלד זצ"ל אב"ד **טשוז** | י"ז כסלו: רבי פנחס דוד ב"ר זאב זצ"ל אב"ד **בוקין** | רבי מרדכי צבי ב"ר שמואל שלעזינגער זצ"ל אב"ד **נאדיפאלו** | י"ח כסלו: רבי נפתלי ב"ר מאניש מרגליות זצ"ל מגדולי חכמי **בראד** | רבי חיים צבי ב"ר יעקב עהרנרייך זצ"ל אב"ד **מאד** | **רבי** יחיאל מיכל ב"ר נתנאל הכהן פריעד זצ"ל אב"ד **אויוואריש** | י"ט כסלו: רבי יושע פאליק ב"ר שרגא פייש הלוי יונגרייז זצ"ל אב"ד **סאנטוב, טשעטשע**

HFPJC • אבותינו

Heritage Foundation For Preservation of Jewish Cemeteries (HFPJC) aka - Avoyseinu
18 Heyward St., Suite 200, Brooklyn, NY 11249 T: 718-640-1470 F: 718-228-8368 E: info@hfpjc.com
Mailing Address: 199 Lee Avenue #1114 Brooklyn NY 11211
Affiliated Organizations: London: Committee for Preservation of Jewish Cemeteries in Europe • E. Yisroel: Asra Kadisha